Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskṿe, 1937

6

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 6

געוועלבט איז דער קאריער, מיט קאלעכענע קופּאָלן צעבראָקט,
און שפּאלטן דורכגעפּרעסענע זיך רײַסן פון די טיפן.
ווען אווראָם־הערש האָט זיך פאַרפּוצט אין גומענעם אין לאנגן ראָק
און אָנגעטאָן די גומענע די הויכע שטיוול,
איז ער געוועזן ענלעך צו אַן עלטסטן פון אזא מין שייוועט,
וואָס האלט זיך אוף אין היילן העפקערע פון בערג;
נאָר ס'איז דער קאלך, ווי קויטיק אײַז, געשווומען א געשטרייפטער
און אים געטראָגן, אווראָם־הערשן, ווי אַן אומעטיקן ווײַסן בער.

און פײַערלעך איז ער געשטאנען, אווראָם־הערש, דער טיפעניש פּארטרויט,
ווי אָפּגענומען וואָלט ער דאָ אפּן קאריער גרויסארטיקע פאראדן;
ער האָט געשוויצט, די אויגן זײַנען אים געוועזן אָנגעגאָסן־רויט,
און האָט געטראכט, אז מיט א טאנץ וואָלט ער דאָס אויסגעטאָן אוואדע,
און מיט א טאנץ וואָלט ער צוריק די בײַטש גענומען, אווראָם־הערש דאָרט,

און מיט א טאנצ וואָלט ער אינ וואָגנ צריק ארײַנ;
א זשמעניע היי — א זשמעניע גערשטנ,
און צום וואָקזאל וואָלט ער אוועקגעשמיסנ אינ א קערעפײַענ.

אויב אלע באלעגאָלעס זײַנענ דאָ, אפנ קאריער,
איז עס די טײַטש — אז א וואָקזאל א לעבעדיקער שטייט דאָרט לײדיק;
און נאָכ געטראכט האָט אווראָמ־הערש, אז ברויט מיט קוילעטש האָבנ
וועט אָט דער,
וואָס וועט דער ערשטער אופהייבנ די פיס און מאכנ פלײטע.

נאָר וועג ער האָט דאָרט אויסגעפוצטערהייט דערזענ
די באלעגאָלעס ארומ זיכ אינ שפיציק־הויכע קאפישאָנענ, —
איז ווי א בער ט׳ער אופגעהויבנ זײַנע גרויסע הענט
און אויסגעוויאָקעט: — נו, איז וועט מענ מאכנ — שעכעיאָנו! —

ס׳הייסט: — שטעלט זיכ, באלעגאָלעס, אלע אויס,
און נעמט זיכ, באלעגאָלעס, ווי מע דארפ, צו דער אווידע!
און זאָל פונ אײַכ די באלעגאָלעדיקע פארע גלײַכ ארויס,
און הערנ זאָל מענ ניט פונ אײַכ קיינ וואָרט און קיינ געוויי דאָ!

ס׳האָט אווראָמ־הערש אמאָל אזוי די פארע ניט געשוינט
פונ זיכ אליינ און פונ די מאָגערע פאריאָגטע שקאפעס,
ווענ מיט א וואָגנ איידעלע פארשוינ
האָט מענ געטריבנ און געיאָגט — מ׳זאָל ניט ארײַנפאָרנ אינ שאבעס.

ס׳האָט קיינער ניט געטאָרט ארויספאָרנ פארפרי׳ר,
געקיניגט ט׳אווראָמ־הערש איבער די זיבנ ווערסט געליימטע בלאָטע;
און אויב אנטקעגנ אָנגעקומענ איז א פויערישע פור,
האָט זי גענומענ רעכטס און אווראָמ־הערשנ אָפגעטראָטנ.

געוווּקסיק־הויך איז אווראָם־הערש דער באַלעגאָלע,
ס'געשטופּלט פּאָנעם איז מיט רויטע פליאַמעס פּײַערלעך באַהויכט;
ווי נאָר ער פלעגט אַראָפּוואַרפן די פּאַסאַזשירן, איז באַלד פאַרהויבן זיך א פּאָלע
נ'געשטעלט זיך מאַשטן זײַן אין מאַרק באַם פערד אונטערן בויך.

און אויסזידלען אין דר'הייך די שטאָט די גאַנצע אפן קאָל,
און איבערשיטן זידלענדיק דאָס ביסל סיטשקע אינעם וואָגן,
און ערגעץ אויסזוכן א טשאַסטאָקאָל,
נ'זיך לויפן שלאָגן.

ער האָט דער איינציקער אין שטאָט פאַרגינט זיך פירן פּראָקלאַמאַציעס מיט זײַנע פערד,
אונטערן געזעס פלעגט ער זיי אויסבעטן און זיבן ווערסט מיט זיי זיך טרייסלען
און אין ברעזענטיק־ברייטע היפטן צוגעקלאַפּט: — אַהער
מעג זיך אַליין מאַטריעך זײַן אַרײַנקריכן דער קייסער!

אפּ א יאַריד איז אווראָם־הערש געגאַנגען זאָגן בלויז מעווינעס
און העלפן אויסדינגען א רעכטן פּרײַז;
דאָס אויג — געשלײַפט און קאַלט און גרין איז,
די ווײַט פאַר אים צעשפּאַרט אַליין זיך און צערײַסט.

און בלויז פון דורכגאַנג האָבן פערד אַליין געעפנט א'מ די מײַלער,
און בוזעמס האָבן זיך צעשפּאַרט בא פויערלעך — אַליין —
איז וואָס האָט שוין די ווערט געהאַט צו טרעפן
יאָ צי ניין?!

געריסן האָט מען זיך צו אים פון יעדער זייַט — אָן אופהער:
אָט דאָ – א קוק, און דאָרט — א פערד פארפרווונ,
און אלעמאָל דערלאנגט דער מארק א הירזשע און א ריטש,
און אלע ווייַלע — טרינקענ גייט דאָרט אווראָם־הערש מיט עמעצנ מאריטש.

געפלאצט האָבנ די שקאליקעס דאָרט — גרויס און קליינע,
און אָקעס ביר צעשוימיקט — אינ דער הייכ — אליינ,
דערנאָכ האָט אלצ זיך אויסגעמישט איניינעמ
טאנדעט און פעלצנ, גלאָז און באקאליי.

און פונ אנ אָגער — אונטער ד׳הענט — געוואָרנ איז א שקאפע,
און פונ א שקאפע — אונטער ד׳הענט — געוואָרנ איז א קאלב;
און אויגנ האָבנ זיך פארגלייַזט שוינ און פארגאפעט,
און מ׳האָט די קעפ געשפאָלטנ אפ דער האלב.

און אויסגעהאלטנ מיט מוזיק האָבנ כאזיירימ אפ די וואָגנס,
א יעדער בויכ ז׳אנ אָנגעבלאָזנ־מעשענער טראָמבאָנ;
דער מארק דער גאנצער אויסגעמישט אינ איינ פארדרייטנ קאָנ איז,
מע הייבט זיך און מע פאלט און יעדער האלט אינ עפעס דאָרט זיך אָנ.

און ס׳רייַסט אינ לופטנ זיך דאָס ריטשענ פונ כאזיירימ שווער,
פארשטופט אינ דושנע זעק צו גאנצע זעקסנ;
אזוי ווי זיי וואָלט מענ געבראכט אהער,
אז ריטשענ זאָלנ זיי, ווענ אָנהייבנ ס׳וועט דאָ געשלעג זיך.

עס שוויצט דער מארק. ער טראָגט זיך ווי אפ אייַז צומ טהאָמ,
און ס׳ליסקענ זיך בא יעדערנ די האלדז־און־נאקנס;

א יעדער שרײַט דאָרט מיט די גאָרגלען אויס זײַן קראָמ,
און פּענעמער ווי דעכער אין א סרייפּע בייגן זיך און קנאקן.

עס גיט א גרילץ א סעדעכע, ווי עמעצן וואָלט זי באווײנען,
און איינער שווערט זיך מיטן טאָג, און איינער שווערט דאָרט מיט דער
נאכט זיך,
און צוגעגאנוועט האָט מען שוין א פּעקל פלאקס בא איינעמ;
— כ'האָב אָקאָרשט עס געהאלטן, — קלאפּט א דריטער זיך אין הארצן.

און איינער אָנגעכאפּט האָט עמעצנס א באָרד
און שרײַט: — אָט איז עס אָט — אָט איז עס! —
און שרײַט: — ס'איז פּונקט אָט דער קאָליר! אָט האָט איר צו דער פּאָר —
און נאָך א בינטל פלאקס ווערט צומ פארגלײַך דעמ מארק באוויזן.

און יעדער כאפּט א קוק אפן געפּאקטס,
און אוילעמ — זידט, און אוילעמ — וואקסט,
און יענער מעסט דאָרט ציץ — פארדרייט ווי אפ אן אקס:
— וואָס זאָגט איר, הא? ס'א באָרד, ס'י ניט קיין פלאקס!

— וואָס זאָגט איר פלאקס? א וועלכע פּאָר?
— וואָס האָט איר זיך באזעצט אפ מײַנע יאָרן?
— איך בעט אײַך, גייט אוועק! איר ווען מיך שפּעטער רײַסן פאר דער
באָרד,
— אז איך וועל אָפּלאָזן דעמ אָרל!

— ס'א באָרד, זאָג איך אײַך, — ייד!
— וואָס האלטסטו מיך, וואָס האלטסטו!

— ס׳א באָרד און ס׳א יאַריד
— און ס׳א נאַכאַלסטווע!

און אווראָם־הערש איז אײַנגעדראָנג. ווי האָפּן בלײַען אָפּ אים דאָרט די פּלאַמעס,

אָפּ זײַנע הענט איז א געפּליעסק און ס׳ציקלט זיך א גליטש;
ער איז דאָרט בוידעק פלאַמיקע פּעגירעס־פערד צו צען מיטאַמאָל,
און אַלע ווײַלע גײט ער טרינקען מיט אן אנדערן מאַריטש.

און פון אן אָגער ווערט אונטער די הענט — א שקאַפּע,
און פון א שקאַפּע ווערט אונטער די הענט — א קאַלב;
און אויגן שיקערע פאַרגלײַזן זיך, פאַרגאַפּען,
און קעפּ צעשפּאַלט מען דאָרט מיט פלעשער אָפּ דער האַלב.

אַזוי האָט אווראָם־הערש פון יעטווידן יאַריד זיך אָפּגעשפּאָרט
א לאָך אין קאָפּ, א לעבעדיקע לאָך — בימזומען;
דאָס בלוט פלעגט אים אראָפּגיין ביז דער באָרד,
און ער האָט זי, די באָרד, אין האַנט גענומען

און בליאַסקענדיק מיט זײַן גרויסאַרטיקער מעווינעס,
האָט ער דעם קאָפּ צום פערדנמאַרק געטיטשעט מיט דער לאָך
און אויסגעפּינעט:
— שלאָגט, שלאָגט נאָך!

דערנאָך
האָט ער אָפּ אָרט צעבלוטיקטן אַרופגעלייגט די האַנט
און אָפּן מאַרק געקוקט מיט א געשנאָרך,
און צוגעדעקט דעם קאָפּ האָט ער, ווי שאַנד,

און האָט אהיים געשפּאַנט,
ווי פון א כופּע־וועטשערע אין מאַרץ אַן אויסגעטאַנצטער,
מיט שווערע שיקערלעכע טריט —
נאָר ס'האָט זיך אים פאַרהיילט אינגאַנצן
ביזן אַנדערן יאַריד.

און איצטער שטילט זיך אויס זײַן קאָפּ פון מערק און פון געשלעגן,
מיט קאַלך גליט ער זיך אויס אין אונטערערד — אפן קאַריער;
אין דר'הייך דאָרט ערגעץ גייען זיי געמאָסטענע, די וועגן,
וואָס פירן באַלעגאָלעס אויסגעשפּאַנטע אָפּ אהער.

זי ליגט דאָרטן אפּ יענער זײַט, די היים, ווי א געליימטע מאַמע,
אַן אָפּגערופענע פון טויט שוין זיבן מאָל;
דאָך צינדן זיך פון בענקשאַפט אווראָם־הערשן אָן די פלאַמעס,
און ס'ווילט זיך טאָן א ריטש ווי צען יאַרידן מיטאַמאָל,

און זיך דערזען באַם היימישן וואָקזאַל אין אַלטן באַלעגאָלעדיקן שטויב,
און גיין צופוס די זיבן ווערסט געליימטע בלאָטע,
און אָנקלאַפּן בא יעדן שטיבל אין דער שויב:
— ס'איז איך! ס'איז אווראָם־הערש! — דאָרט אויסשרײַען דעם לעצטן אָטעם.

נאָר אָפּגעשיידט איז ער פון דר'היים מיט גראָבער גרעמפּליענדיקער גומי,־
ס'זאָל ניט אדורך פון דאָרט דער מינדסטער קער;
אָט איז ער, אווראָם־הערש, פון אזא אָפּגעראַשטן מאַרק געקומען, —
אָט שטייט ער דאָ און טײַנעט מיטן זאַסטעפּ צום קאַריער:

די פענצטער פלעגט אמאָל צעפּענען א האַלבע שטאָט,
ווען מ'האָט דערהערט דעם גלאָק פון פערד פון זײַנע אפּ די וועגן,

און אויסשרייַען מיט פרייד: — סע פאָרט שוין אוראָמ־הערשס פייַטאָן! —
נ'ארויסלויפן אפגיכ. דערזען. באגעגענען. אנטקעגן.

און איצטער לויפן בערג. זיי רייַסן אופ זיכ מיט געפראל,
ס'צעטראָגט דער קלונג דער טויבער זיכ אפ גאנצע מייַלן;
מע דארפ שוין מער קיין באן און קיין וואָקזאל,
מע דארפ אין ערגעצ שוין אפ שאבעס זיכ ניט אייַלן...

עס סווישטשעט ניט איבער קיין פערד זייַן אומעטיקע קייַלע,
מיט זאסטעפ טרייַבט ער איצטער אָן די קאלעכענע ערד,
באשפּייַט זיכ אוראָמ־הערש די הענט דאָרט אלע ווייַלע,
פארוקט דעמ קאפישאָן און גיט דאָרט א דערמאָן זיכ און א קלער:

גוסטירט צו פאָרן קיין אמעריקע האָט ער אמאָל,
ווייַל מיט אזא מין ארבעט, האָט מען אימ געזאָגט, איז שארט מען
דאָרטן גאָלד,
און אז עס גיט א גיי א וועק די צייַט דאָרט בעסער,
און אז מע סוויטשעט זיכ א ביסל אויס, איז ווערט מען גאָר א פרעסער.

האָט ס'ווייַב מיט אימ א פארשע באָלעק אָפגעלערנט דאָרט,
האָט זי, די יידענע, אימ אָנגעטאָן אין שפאן:
— א באלעגאָלע, — ט'זי געטייַנעט, — פאָרט ניט קיין אמעריקע,
— א באלעגאָלע, — ט'זי געטייַנעט, — פאָרט זיכ צו דער באן!

נו, — באן איז באן! — גיט ער דעמ שטיין מיט קאס א שפאלט דאָרט,
און — ווייַב איז ווייַב! — גיט ער די הענט מיט רוגזע א באשפּייַ:
א שטאָט א גאנצע אפ דער צוימ האָט ער געהאלטן,
און אליין געלאָזט זיכ פירן פון א יידענע — א ווייַב...

— איז שטייט ניט, באַלֿעגאָלֿעס, — אויס! —
גיט אוראַם־הערש, ווי מיט דער בײַטש, א פּאַכע דאָרט זײַן קאָלֿ אויס, —
דאָ וועלֿן קיין פאַרשווינדלֿעך ניט אראָפּקריכן פון פאָיעזד,
באַלֿעגאָלֿעס! —

נאָר ווען טרובא איז צוגעפאָרן מיט א פּראָסטן פערד און וואָגן
אפ דורכפירן א מיטינג אין קאַריער —
איז אוראַם־הערש ארויס, א קוק געטאָן צעטראָגן,
פונקט ווי אין ווײַטן אופגעיוירענע וואָלֿט ער זיך אײַנגעהערט.

אָט איז ער שוין באַם פערד, באַשמעקט אים, ווי זײַן היים, מיט שטאָלֿץ און לֿיבע,
און פײַער טראָגט זיך אים פון באַק צו באַק —
און מער מיט נעזלֿעכער ווי מיט די לֿיפּן
האָט ער ארויסגעפּינעט: — יאָ... ס'איז א באַקאַנטער שפּאַק!.. —

א דריי. א קוק. אהין. אהער.
אים אויסגעשפּאַנט. ארופ. עס זעט ניט קיינער.
מיטביידע פיס דערלֿאַנגט אין בויך דעם פערד
און אָפּגעריסן פון דער ערד זיך מיטן שפּאַק איינײנעם.

און ווינטן יאָגן נאָך.
און ווינטן — אפ אנטקעגן —
פון קיינעם — ניט קיין שאָרך.
ס'האָט קיינער ניט באַגעגנט.

אראָפּגערוקט דעם הוט,
די סטעפּן־ברייט דאָרט פרעסט ער —

און ווינטן שרײַען: — גוט!
און ווינטן שרײַען: — פעסטער!

ס'איז הייס דער צעפּאָלאָכ
און פײַערלעכ־פארהאוועט —
און ווינטן שרײַען: — נאָכ!
און ווינטן שרײַען: — בראוואָ!

געפליעסקעט האָט די שווינדיקײַט
פונ בליאסקענדיקנ העפּ, —
אווראָמ־הערש מיט ווינטן דאָרט
אינ זוניקנ געוועב!

ער איז גערִיטנ בײַז איבער דער ברייט פונ סטעפּ,
און זיס איז אימ געווענ די פערדישע פארשיקערדיקע פארע;
צומ ערשטנ מאָל האָט אווראָמ-הערש — אליינ — אזוי געשטעפּט
און, דאכט זיכ, אז צונויפגעשטעפּט האָט ער דעמ סטעפּ דאָרט מיט די כמארעס,

צונויפגעגאָסנ אווראָמ־הערש האָט הילכיק מיטנ פערד זיכ,
ווי איינ אזא מינ לויפנדיקע כײַע — מיט צוויי קעפּ;
און ביידע סאָפּענ ווי אינ גראדנ פערציק,
און ביידע ווי א מיאטש א גומענער אינ סטעפּ.

און הינ און צריק, און ווידער און פארקערט,
און ס'ווייסט שוינ אווראָמ־הערש אליינ ניט ווו ער פאָרט דאָ;
ס'איז, דאכט זיכ, אויסגערונענ אימ דער וועג צו דעמ קאריער,
און אלצ האָט אינ די אויגנ זיכ פארפלאָנטערט און פארפלאָכטנ.

ס'איז סטעפ —- ארומ. אונ סטעפ — פונ אלע זײַטנ.
אונ וינט — ארומ — פארוויקלט אונ פארוויגט;
אונ נאָכ די פײַערנ, ווי נאָכ סיגנאלנ־שײַטערס,
האָט אוראָמ־הערש זיכ אומגעקערט צוריק.

טרובאנ ט'ער ניט געטראָפנ אינ קאריער שוינ,
מ'האָט אפ אנ אנדער פערד אימ אָפגעפירט אהיימ;
אונ אימ האָט מענ געייצעט, אוראָמ־הערשנ,
ער זאָל טרובאנ דאָס פערד איצט אָפפירנ אליינ.

געווענ ס'איז טונקל שוינ. ניט פרי גאָר.
די נאכט פונ לאנג האָט שוינ געבלאָנקעט אפנ וועג.
האָט אוראָמ־הערש זיכ מיט קיינ וואָרט איצט ניט דערווידערט
אונ צו טרובאנ איז ער א שטילער רײַטנדיק אוועק...